קאפיטל פיר און צוואנציק

# קאָוונע — נאָך איר באַפרייאונג

די לאַגע אויף די פראָנטן, איז פאַר די דייטשן געוואָרן כסדר ערגער, און די האָפענונג ביי די אידן איז געוואָרן אַלץ גרעסער, אַז דער טאָג פון דער פולשטענדיקער נאַצישער מפלה, איז שוין גאָר נאָענט.

דעם ערשטן אויגוסט, 1944, — האָט די רוסישע אַרמיי באַפרייט קאָוונע, אָבער די אידן, אָנגעשראָקענע פון די מוראדיקע איבערלעבונגען אונטער די נאַציס, האָבן מורא געהאַט צו באַווייזן זייער פנים פאַר דער ליכטיקער שיין און זיי זיינען געלעגן איינגעגנורעטע אין זייערע באַהעלטעבישן. עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען — געציילטע שטונדן בלויז — און

אידן האָבן אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון זייערע כל המינים באהעלטענישן: פון בונקערס, בוידעמער, קעלערס, ברינעמער און וועלדער.

אויך די פּאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן אַריינשטראָמען פון די וועלדער אין שטאָט אריין.

מיט דריי טעג שפּעטער, דעם 4־טן אויגוסט, האָבן זיך אידן צום ערשטן מאָל צוזאַמענגעקליבן אויפן הויף פון דער קאָוונער כאָר־שול אויף אָזעסקיענע גאַס.

דער צוזאַמענטרעף איז געווען אַ דראַמאַטישער. דאָ האָבן חברים און פריינט, ברידער און שוועסטער, עלטערן און קינדער זיך איינע די אנדערע דערקענט, זיך געקושט און געהאַלדזט און זייערע יללות און בכיות מתוך שמחה האָבן זיך געטראָגן עד לב השמים.

צוויי הונדערט מיט פינף און זעכציק מענטשן זיינען זיי געווען אין צאָל און יעדערער פון זיי האָט נישט אַנדערש געדענקט, נאָר אַז ער איז דער איינציקער לעבן געבליבענער...

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם איז דער עולם געקומען צו זיך און עס איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אַן אסיפה און עס איז פאַרמירט געוואָרן אַ קאָמיטעט וואָס איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע פערזאָנען: אַדוואָקאַט דינער, הלל בירגער, אברהם שאַפּיראָ און דער שרייבער פון די שורות.

די עובדה פון דעם קאָמיטעט איז באַשטאַנען אין זוכן מיטלען ווי אַזוי צו באַזאָרגן מיט שפּייז די אַנטרונענע פון דעם שונא׳ס מערדערישער האַנט אַז מיר האָבן גלייך אינטערווענירט ביים פּראָפעסאָר מאַזילעס און, אויף זיין אינציאַטיוו, האָט דער רויטער קרייץ אונז באַזאָרגט מיט אַ סכום שפּייז וואָס האָט נישט געקלעקט אויף קיין „המוציא״.. — מיר האָבן אויך געעפנט אַ פאָלקס־קיך אויף לייסוועס נומער 20 וואָס האָט נישט געהאַט די מעג־ליכקייטן אַלעמען באַזאָרגן מיט געקעכץ, מחמת מיט יעדן טאָג האָט זיך גע־מערט די צאָל פון די געראַטעוועטע, זייער צאָל האָט דערגרייכט צו אַן ערך זעקס הונדערט מענטשן און די שפּייז פראַגע האָט אָנגענומען אַ זייער ערנסטן כאַראַקטער.

די רויטע אַרמיי האָט נישט געזאָרגט פאַר דער באַשפּייזונג פון דער

ציווילער באפעלקערונג, מחמת דער פראָנט איז בסך הכל נישט געווען מער ווי צען קילאָמעטער פון שטאָט און קיין ברויט איז נישט געווען בנמצא אפילו פאַר קיין געלט, אַ פשיטא שוין פאַר די נאַקעטע און באָרוועסע, אויס־געהונגערטע און איבערגעשראָקענע, וואָס זיינען אַרויס פון זייערע באהעל־טענישן.

און אַזאַ לאַגע האָב איך, אויף מיין אייגענער אחריות — אָן דער צושטימונג פון דעם קאָמיטעט — באשלאָסן זיך צו ווענדן צו דער שטאָטישער געזעלשאפט „סאָציאלע הילף" אַז זי זאָל אונז אַנטקעגן קומען מיט שפייז, לכל הפחות, פאַר די קראַנקע און פאַר די קינדער.

אין דער באגלייטונג פון מר. לוריע, וועלכער האָט זיך פערזענליך געקאָנט מיט דעם דירעקטאָר פון דער געזעלשאַפט, בין איך אַוועק צו דער „סאָציאַלער הילף" אויסוווירקן שפייז נישט חלילה בחינם, נאָר אויף זייערע „ראַציאָנאַלע" פרייזן.

מר. לוריע האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַרן דירעקטאָר און אויך פאַר זיינער מיטארבעטער, דער דירעקטאָר — כאָטש מיר זיינען ביי אים קיין אַנגעלייגטע געסט נישט געווען — האָט פונדעסטוועגן געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער איז מלא שמחה וואָס אַ רב, האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען און ער האָט מיר דערלאַנגט אַ ברייטן שלום עליכם און, אויף אים קוקנדיק, האָבן די איבעריקע אָנגעשטעלטע אָנגעהאַלטן דעם זעלבן טאָן פון אָפיציעלע העפליכקייט און שלום עליכם׳ס זיינען געפלויגן מכל הצדדים.

איך בין גלייך צו צום פונקט. איך האָב געבעטן ברויט, ברויט און נישט מער, נישט פאַר אַלעמען, נאָר בלויז פאַר די קראַנקע און פאַר די קינדער.

דער דירעקטאָר האָט זייער העפליך געשמייכלט און האָט מיר, אין אַן זייער „איידעלן" טאָן, אָפגעזאָגט מיין בקשה.

דער אויסרייד איז געווען אַז ברויט קאָן ער דערלויבן בלויז צו אַזעלכע שטאָטישע אַרעמעלייט וואָס האָבן אויף דער האַנט אַ קאַרטל וואָס באַשטעטיקט זייער נויט, וכפי איך קאָן אַזעלכע קאַרטלעך נישט באַווייזן, בין איך בכן, נישט באַרעכטיקט צו קיין ברויט.

זיין איראָנישער שמייכל און זיין געמאַכטע העפליכקייט האָט מיר

אזוי דענערווירט אז איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און האָב אים געענפערט.

— הער פּעטרייטעס! איך בין, צום באדויערן, ביז איצט נאָך אַלץ געגאַרט געוועזן אין מיין גלויבן אז עס זיינען דאָך פאַראַן ליטווינער וואָס פילן מיט אונזער טראַגעדיע, אָבער איצט בין איך איבערצייגט אַז איר וואָלט געוואונטשן מיט אייערע אויגן צו זען דעם אומקום פון די לעבן גע־בליבענע דורך אַ הונגער טויט!...

און נישט געזעגענענדיק זיך מיט אים, האָב איך אַ פּראַל געטאָן מיט דער טיר און בין האַסטיק ארויס פון זיין צימער.

ער איז מיך נאָכגעלאָפן זיך אָנטשולדיקט, צוריקגערופן און מיר באַ־רואיקט און פון יוצא וועגן, מיר ארויסגעגעבן אַן אָנווייזונג אויף צוויי הונדערט פונט ברויט.

איך בין אוועק מיט דער אָנווייזונג און איך האָב ביי זיך געמאַכט דעם חשבון אז מיט אָט די צוויי הונדערט פונט ברויט דאַרפן זיך זעטיקן קוים צו זעקס הונדערט מענטשן, אָבער מיין חשבון איז געווען אַ פאַלשער, מחמת ביז איך האָב פאַרטראַגן די בשורה טובה וועגן דעם ברויט צו די געראַטעוועטע, זיי זיינען געקומען פון די אַרומיקע שטעטלאַך: פון פּיל־ווישאָק, ווילקאָווישק, שעמעלישאָק, זשאַסליע, ראַסיין, נייע הונגעריקע.

* * *

דעם 10־טן אויגוסט, זיינען עטליכע חשובע באַלעבאַטים פון שטאָט צו מיר געקומען מיט אַ בקשה אַז איך זאָל אָננעמען די רבנות שטעלע פון קאָוונע.

וויסנדיק אַז אַלע קהלשע אינסטיטוציעס אין שטאָט זיינען חרוב ומוחרב געוואָרן, און אַז מיין אויפגאַבע וועט זיין צוריק אויפשטעלן אָט די אַלע אינסטיטוציעס, האָב איך מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכן אַמט און איך האָב זיי אָפּגעזאָגט אין זייער בקשה.

אָבער זיי האָבן מיר נישט אָפּגעלאָזט, זיי האָבן געטענה'ט אַז דוקא איצט מוז מען האָבן אַ גייסטיקן מנהיג און זיי האָבן אַפּעלירט צו מיין רע־ליגיעזן געוויסן מיט כלערליי מאמרי חז"ל וכדומה... און איך האָב אָנגע־

נומען זייער פאָרשלאג און די סאָוויעטן־מאַכט האָט מיר אויך גוטגעהייסן אַלס אָפּיציעלער מנהיג פון דעם קאָוונער אידנטום.

איך בין גלייך געוואָרן טעטיק, צוערשט האָב איך אָרגאַניזירט אַ קהילה. אויך די קהילה איז פון דער סאָוויעטן מאַכט אָנערקענט געוואָרן און זי האָט באַקומען אַן אָפּיציעלן סטאַטוס פון אַ קערפּערשאַפט וואָס האָט אין איר רשות צו פאַרוואלטן מיט די געבליבענע בתי מדרשים און בית עלמין׳ס.

מיר האָבן גלייך אויפגענומען צוויי שוחטים: ר׳ מרדכי צוקערמאַן און ר׳ יצחק עזרת. מיר האָבן געגרינדעט אַ חברה קדישא. אַלס גבאי פון שול איז באַשטימט געוואָרן דער געוועזענער פאָרזיצער פון דער קאָוונער קהילה — אַדוואָקאַט נחום לעוויטאַן.

רבצין ח. מ. שולמאַן איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם סעקרעטאַר פון דער קהילה.

אַ גבאי פאַר אַ שול האָט מען אויסגעוויילט, אָבער קיין בית המדרש אין וועלכן מען זאָל קענען דאַווענען איז נישט געווען. כמעט אַלע בתי מדרשים זיינען חרוב ומוחרב געוואָרן, בעת די מקומות קדושים וואָס זיינען נישט פאַרניכטעט געוואָרן, זיינען פון די נאציס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטאַלן פאַר פערד און אויטאָ גאַראַזשן און אין סקלאַדן פאַר פּראָוויאַנט.

בלויז איין שול איז עפּעס על פּי נס, געשאַנעוועט געוואָרן — די כאָר שול, אָבער זי איז געווען ווייט פון דעם געגנט וואו די מערסטע אידן האָבן זיך, נאָכן חורבן באַזעצט, אַזוי אַז עס האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד פון באַשטימען די כאָר שול פאַר אַ מקום תפילה און דערפאַר איז „הויסמאַנס קלויז״ פון מייראַנע גאַס נומער 28, באַשטימט געוואָרן פאַר דעם אָפּיציעלן מקום קדוש.

„הויסמאַנס קלויז״ האָט נישט געהאַט קיין טירן, קיין שויבן און קיין בענק. זי האָט בלויז געהאַט די אַלע נויטיקע איינריכטונגען וואָס עס פאַר־דערט זיך פאַר אַ פערדן שטאַל . . .

דער ארון קודש איז געווען צובראָכן, צולאָמעט און איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטער, אַ פאַריתומטער צווישן היי און שטרוי ווי אַ מין זכר

לחורבן, ווי אַן עדות אַז נישט לאַנג צוריק איז דאָ געווען אַ מקום קדוש...

דאָס מקום קדוש איז מער ווייניקער פּאַריכט געוואָרן און שבת פּרשת עקב, שנת תש"ד, האָבן מיר דאָרטן געבענטשט ראש חודש אלול.

דעם ערשטן ראש השנה און יום־כפּור פון אונזער באַפרייאונג האָבן מיר געדאַוונט אין הויסמאַנס־קלויז. די שול איז געווען געפּאַקט מיט אידישע רויט־אַרמייער און אָפיצערן, צווישן זיי איז אויך געווען פּראָפעסאָר רע־בעלסקי. יאָרן־לאַנג, אַזוי האָבן זיי מיר געזאָגט, האָבן זיי שוין נישט בײַגעוואוינט קיין דאַווענען אין אַ שול מיט אידן בצבור. זייער געוויין און פאַר־שטיקטער יאָמער האָט זיך געלאָזט הערן פון צווישן גרויסן עולם. בײַדע טעג ראש השנה און יום־כפּור האָב איך גערעדט אין שול און ספּעציעל האָבן אַלע מתפּלל געווען פאַר אונזערע ברידער און שוועסטער וואָס האָבן זיך געפונען אין די וועלדער און בונקערס, אין דעם טייל ליטע וואָס איז גע־ווען באַזעצט פון די דייטשע מערדער, און די וואָס זיינען געווען געפּייניקט אין די דייטשע גיהנום־לאַגער, אַז דער רבונו של עולם זאָל זיך מרחם זיין אויף זיי און זיי אויסלייזן פון יסורים און טויט.

מיין פּען איז נישט בכוח צו שילדערן דעם אופן פון התקשרות און דער התחברות וואָס האָט דאַמאָלסט אַלעמען באַהערשט און מיט וואָס פאַר אַ כוונה דער עולם האָט יענעם שבת תפילה געטאָן מתוך עומק הלב.

הויסמאַנס קלויז האָט זיך נישט באַגרעניצט צו אַ בלויזן מקום קדוש וואו מען האָט נאָר תפילה געטאָן. זי איז געוואָרן דער צענטראַלער נערוו, דער אַפּאַראַט וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיט אַלע שטאָטישע אַנגעלעגנהייטן.

אַהערצו האָט די פּאָסט צוגעשטעלט אַלע בריוו וועמענס אַדרעסן זי האָט נישט געקענט געפינען. אַהערצו זיינען מיט דער צייט אָנגעקומען אַ סך בריוו פון אויסלאַנד מיט נאָכפראַגעס אויף קרובים, משפּחה און באַקאַנטע. דאָ, אין שטיבל פון קלויז, האָט די קהילה אָפּגעהאַלטן אירע זיצונגען און דאָ פלעגן זיך אָפּשפּילן האַרצרייסנדיקע סצענעס פון קרובים וואָס האָבן זיך איינע די אַנדערע אויסגעפונען.

בײַ מיר האָט זיך געפונען אַ ספר תורה וואָס מיר האָט זיך אײַנגע־

געבן זי צו ראַטעווען מיט מיר צוזאמען. האָב איך די ספר תורה אַריינגעגעבן אין הויסמאַנס קלויז. דאָס איז געווען די ערשטע ספר תורה.

הכלל, „הויסמאַנס קלויז״ איז געוואָרן אַ שם דבר און אַ גרויסער פערסאָנאל פון וואָלונטירן לטובת הכלל האָבן דאָ געאַרבעט זייער טיכטיק, און איבערגעגעבן, שלא על מנת לקבל פּרס.